5 אויב אָבער אונזער רשעות ווייזט אויף די צדקות
פון ג־ט, וואָס וועלן מיר זאָגן? אַז ג־ט איז
אומגערעכט, ברענגענדיק צאָרן? איך רעד ווי
6 אַ מענטש. חס ושלום! ווייל אויב אַזוי, ווי וואָלט
7 ג־ט געקענט משפּטן די וועלט? אויב אָבער דורך
מיין שקר האָט זיך דער אמת פון ג־ט געשטאַרקט
צו זיין כבוד, פאַרוואָס זאָל איך נאָך געמשפּט
8 ווערן ווי אַ חוטא? און פאַרוואָס זאָלן מיר נישט
טאַקע—ווי די, וואָס באַליידיקן אונדז באַהויפּטן, אַז
מיר זאָגן—טון דאָס שלעכטס, כדי דאָס גוטס זאָל
קומען? זייער משפּט איז גערעכט.
9 דעריבער וואָס? צי האָבן מיר דען עפּעס אַ מעלה?
בשום אופן נישט! ווארום מיר האָבן שוין פריער
באַוויזן, אַז סײַ דער ייִד און סײַ דער גריך זענען
10 אַלע אונטער דער זינד; אַזוי ווי עס שטייט געשריבן:
עס איז נישט פאַראַן קיין צדיק, קיין איינער
11 נישט; עס איז נישט פאַראַן קיין פאַרשטענ־
דיקער, עס איז נישט פאַראַן קיין איינער,
12 וואָס זוכט ג־ט; אַלע האָבן אָפּגענייגט, זיי
זענען צוזאַמען נוצלאָז געוואָרן; עס איז נישט
פאַראַן קיינער, וואָס טוט גוטס, ניין, נישט
13 איינער. זייער האַלדז איז אַן אָפן קבר, מיט
זייערע צונגען האָבן זיי פאַררעטעריש געהאַנ־
דלט, שלאַנגענגיפט איז אונטער זייערע ליפּן;
14 וועמעס מויל איז פול מיט פלוך און ביטער־
15 קייט; זייערע פיס אײַלן צו פאַרגיסן בלוט;
16 צעשטערונג און ליידן זענען אויף זייערע
17 וועגן; און דעם וועג פון שלום האָבן זיי נישט
18 דערקענט; די מורא פאַר ג־ט איז נישט פאַר
זייערע אויגן. (תהלים יד, ב־ד; ה, י; י, ח; קמ, ד;
ישעיה נט, ז, ח; תהלים לו, ב.)